אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

שנה ג'-גליון צט'
פרשת תרומה תשפ"ג



י"ל ע"י

**לוי יצחק שנעק**

**מגי"ש בישיבת קנין תורה**

**בעל מחבר ספרי יש לחקור**

להערות ולנדבות, ולכל עניני ולקבלת העלון בדוא"ל הגליון יכולן לפנות.

315-400-1818

1818yiddish@gmail.com


## דו טוסט קיינעם נישט אפ חוץ פון דיר אליין!!!!!

משה, האסט געלערנט חומש די וואך??? יא חיים, איך האב שוין געלערנט די פרשה. בסדר, לאמיר לערנען די צווייטע פסוק. דער אויבערשטער זאגט, **דבר אל בני ישראל**, רעד צו די אידישע קינדער, **ויקחו לי תרומה,** זיי זאלן נעמען פאר מיר אן אפשיידונג... משה, פארוואס שטייט 'ויקחו'??? ס'וואלט געדארפט שטיין 'ויתנו', אז מ'זאל געבן, נישט 'ויקחו'. חיים, ס'איז זייער א שטארקע קשיא.

**און די תירוץ אויף די קשיא וועט לייגן א בחור אין די קארנער!!!**

אבער פארדעם וויל איך דיר דערציילן א מעשה.....

ס'איז אמאל געווען א קאנטראקטער וואס מ'איז שטארק נאכגעלאפן, און די סיבה פארוואס מ'איז אים נאכגעלאפן איז געווען ווייל ער האט געהאט א קארפענטער וואס האט געמאכט א געוואלדיגע ארבעט, סיי אז ער האט גענוצט זייער גוטע קוואליטעט, און געטון זייער א שיינע ארבעט, ווער עס האט געזען זיין ארבעט איז ארויס פון התפעלות, פון די געוואלדיגע שיינקייט, און פונקטליכקייט פון די ארבעט, אזוי איז דורך א לאנגע צייט.

**איין טאג!**

זאגט דער קארפענטער פאר דעם קאנטראקטער: "איך גיי אויפהערן ארבעטן פאר דיר, און איך גיי אריין אין א נייע ביזנעס". דער קאנטראקטער האט געוויסט אז אויב זיין קארפענטער גייט ארויס וועט ער פארלירן אסאך ביזנעס, ממילא האט ער פראבירט מיט אלע סארטן וועגן אים אפצוהאלטן, אבער דער קארפענטער איז געבליבען פעסט מיט זיין באשלוס.

האט דער קאנטראקטער געזאגט פארן קארפענטער: "טו מיר א טובה, און מאך מיר נאך איין דזשאב, בוי אויף נאך איין הויז, פון אנפאנג ביזן סוף". האט אים דער קארפענטער געזאגט: "נישט קיין פראבלעם, איך וועל בלייבן ארבעטן אויף נאך איין דזשאב!

**וויאזוי? האט אויסגעזען די לעצטע דזשאב!**

פארשטייט זיך אז ביי די לעצטע דזשאב איז שוין זיין קאפ נישט געווען אויפן פלאץ, זיין קאפ איז שוין געווען אין זיין נייע ארבעט, און ער האט נישט אויפגעפאסט אויף די קוואליטעט... און נישט אויף די שיינקייט פון דעם דזשאב... און די הויז האט אויסגעזען פשוט א רחמנות, נישט נאר איז עס נישט געווען שיין, נאר ממש... געפערליך.

ווען ער האט עס געפארטיגט בויען, רופט אים דער קאנטראקטער, און זאגט אים אז ער וויל מאכן א מסיבת פרידה קומענדיגע זונטאג.

**היום יום ראשון:**

אלע חברים און ידידים וואס האבן געארבעט צוזאמען מיט אים זענען זיך צאמגעקומען און פארברענגט. סוף פון די מסיבה רופט זיך אן דער קאנטראקטער אז ס'זאל זיין שטיל... און ער רופט זיך אן: "אלץ הכרת הטוב פאר די גוטע ארבייט וואס דער קארפענטער האט אריינגעלייגט אלע יארן וויל איך אים געבען א מתנה".

**וואס? קען עס שוין זיין!**

טראכט דער קארפענטער! ער גייט צו צו זיין בעל הבית, און דער בעל הבית נעמט ארויס פון זיין טאש א שליסל, און זאגט אים: "איך בין דיר זייער מכיר טוב פאר די אלע יארן וואס דו האסט געארבעט פאר מיר, עס האט מיר אריינגעברענגט גאר אסאך געלט, ממילא אלץ הכרת הטוב, געב איך דיר אוועק די דירה".

**דער קארפענטער האט געמיינט אז ער פאלט צוזאם!!!**

און ער האט זיך געריסן די האר פון קאפ, אוי ווייי, ווען איך וואלט ווען געוויסט אז איך בוי די דירה פאר מיר אליין, אוי וואלט איך אריינגעלייגט אסאך מער קאפ און מוח אז עס זאל זיין שיין און הערליך.....

**זענען מיר נישט די זעלבע?????**

דער ראש ישיבה, אדער דער משגיח, זאגן פאר א בחור, אז ער זאל לערנען בעסער... דאווענען בעסער... פילט מען אז מ'טוט א טובה פאר דעם ר"י/משגיח, אבער באמת טוט מען פאר זיך אליין א טובה, ווייל למעשה ווער וועט פארלירן? דו אליין! לנצח נצחים וועט מען לעבן אויף די שכר פון די מצוות וואס דו האסט אריינגעכאפט, ממילא אויב דו לערנסט איין שעה ווייניגער, וועסטו פארלירן די שכר, און דו וועסט עס אייביג פילן.

**דו טוסט נישט קיין שום טובה פאר דיין מגי"ש... ר"י... משגיח...**

דער ר"י/משגיח וועלן גארנישט פארלירן אדער פארדינען, אויב דו לערנסט יא צו נישט, זיי וועלן סך הכל פראבירן צו העלפן די בחורים וויפיל זיי קענען, אבער למעשה סוף טאג, ווער פארלירט, נאר דער בחור, ווייל דו וועסט עס פילן אויף אייביג.

**דאס איז איינע פון די גרעסטע טעותים וואס א בחור מאכט אז ער מיינט אז ער טוט א טובה פארן מגי"ש**

יעדע תירוץ וואס דו האסט... צו ס'איז אין די חשיבות פון דיין עבודה.... סיי אז אין 'די' ישיבה, אדער מיט 'די' חברותא, אדער מיט 'דער' מגיד שיעור, קען איך נישט, דער משגיח האט מיר פיינט וכו', אויב עס איז נישט אמת, ווייסטו וועמען דו פאפסט? נאר דיר אליין.

**אודה ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו**

**מתוך שבח והודי' להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו**

**ובפרט בהולדת בני נ"י למזל טוב**

**הנני בזה להזמין את כל חבירי קרובי וידידי ומכירי**

**להשתתף בשמחתי אצל מסיבת**

**השלום זכר - וואך נאכט**

**בליל שב"ק פרשת תרומה**

**בבית המדרש מאור התפילה**

**5910 20th ave**

**הברית מילה**

**יתקיים אי"ה למחרתו ביום השבת קודש**

**בבית המדרש מאור התפילה**

**תפילת שחרית בשעה 9:15**

**קידושא רבה אחר התפילה**

**אי"ה ביום שמחתכם ישמח לבי גם אני**

**לוי יצחק שנעק**

**בן מו"ה ר" שלום דוב שליט"א**

**חתן הרה"ג ר' אלי' כץ שליט"א**

**און דער יסוד שטייט דא אין פסוק...**

די תורה שרייבט 'ויקחו', וועם איז גוט און ווער פארדינט, נאר דער מענטש, ער באקומט אסאך מער ווי ער גיבט, ווער פארדינט פון די משכן? כלל ישראל. ווער באקומט שכר אויף די מצוה, כלל ישראל, וועמענס נשמה ווערט דערהויבן, דיין אייגענע נשמה. קומט אויס אז דו באקומסט נישט, דו גיבסט, דו גיבסט אביסל, און דו באקומסט אסאך אסאך אסאך מער.

**דער קלוגער שווארצע גוי**

די וועלט דערציילט: אז איינער האט אמאל געדינגען א שווארצער זאל אים ארויפשלעפן באקסעס, און ער האט אים געזאגט אז פאר יעדן באקס וואס ער שלעפט ארויף באקומט ער פינף דאלער, און כדי מען זאל האבן א חשבון וויפיל ער האט ארויפגעשלעפט, האט מען געלייגט א קאפ אויפן טיש, און פאר יעדן באקס וועט מען ארייינלייגן א פעני אין די קאפ, און סוף וואך וועט ער אים געבן פאר יעדן פעני פינף דאלער.

און דער גוי האט געהאלטן און איין שלעפן באקסעס, און דער איד האט געלייגט די פענים אין די קאפ.

**איין טאג**

באמערקט דער גוי ווי דער איד קוקט נישט, איז ער צוגעגאנגען צום קאפ, און ארויסגעכאפט אסאך פענים, און ארייינגעלייגט אין זיין טאש, און ער איז געווען מלא שמחה.

**אוי האב איך אויסגעפאפט: דעם איד!!!**

דער גוי קומט אהיים, און דערציילט פאר זיין ווייב ווי קלוג ער איז! ער האט אויסגעפאפט דעם איד, זיין בעל הבית. דו ווילסט הערן וויאזוי, איך וועל דיר דערציילן, אז ווען ער האט נישט געקוקט, האט ער ארויסגעכאפט אסאך פענים פון די קאפ, און ער האט איבערגעלאזט זייער ווייניג פענים אין די קאפ.

זאגט אים זיין ווייב: "די גרררוויסער חכם: דו ביסט אזא נאר, דו ווייסט אז פאר יעדע פעני וואלסטו געדארפט באקומען פינף דאלער, ווער האט פארלוירן, דו, און נאר דו, דיין בעל הבית פריידט זיך.

**פירן מיר זיך נישט די זעלבע??? ווי דער שווארצער גוי**

מיר פרייען זיך אויב מען האט א תירוץ נישט צו לערנען, ווער גייט פארלירן לנצח נצחים, נאר דו אליין, עס וועט דיר פעלן דער שכר פון די לימוד התורה לנצח נצחים, יעדע החלטה וואס מיר מאכן, צו זאל עס זיין וויפיל כוחות מיר האבן, וויפיל שעות איך קען לערנען, און וויפיל כוחות איך לייג אריין אין תפילה וכו', אויב עס איז נישט אמת, ווער וועט למעשה פארלירן, דו, און נאר דו.

**מעשה שהיה כך היה!!!**

ר' אלימלך בידערמאן שליט"א האט דערציילט, אז אין קאנאדא וואוינען צוויי שותפים, און זיי האבן געארבעט יארן צוזאמען, אויף אזוי ווייט אז זיי זענען געווארן מחותנים.

אין קאנאדא האט זיך געדרייט א מענטש, וואס מיר וועלן רופן חאצקל, וואס האט ל"ע נישט געהאט קיין משפחה, און ער האט זיך געדרייט ביי די צוויי שותפים, און חאצקל האט געשריבן דעמאלס א צוואה, אז זיין גאנצע געלט - וואס איז געווען ווערד זעקס מיליאן דאלער - זאל גיין צו די צוויי שותפים.

**ער איז געווארן באליידיגט????!!!**

נאך א שטיק צייט, האט זיך חאצקל באליידיגט אויף איינער פון די שותפים, וואס מיר וועלן רופן שמעון, און ער האט אויפגעהערט עסן ביי אים, און ער איז נאר געגאנגען צו ראובן, און דעמאלס האט ער געשריבן א צוואה, אז זיין גאנצע פארמעגן זאל גיין צו ראובן. ס'איז דורך א שטיק צייט, און חאצקל האט שלום געמאכט מיט שמעון, און ער האט געשריבן א דריטע צוואה, אז ער לאזט איבער זיין פארמעגן פאר ביידע שותפים גלייך.

**ברוך דיין האמת!!!!**

חאצקל איז אוועק פון דער וועלט, און די צוויי שותפים זענען געגאנגען אין קאורט מסדר זיין די נכסים פון חאצקל, און שמעון באמערקט ווי ראובן ווינקט זיך מיט זיין אדוואקאט, און ער קען נישט גלייבן וואס זיינע אויגן זעען, דער לאיער פון זיין שותף און מחותן, רופט זיך אן, אן קיין שום בושה, אז די גאנצע פארמעגן דארף גיין צו ראובן, און ער נעמט ארויס די צווייטע צוואה.

**שמעון האט געוואלט שרייען מיט זיין גאנצע כח!!!**

דו גנב... דו ליגענער... וויאזוי טוסטו אזא זאך, אין די צייט וואס יעדער ווייסט אז ס'איז דא א דריטע צוואה, און ער האט געהאט ביי זיך אלע דריי צוואות, און ער האט עס געוואלט ארויסנעמען און ווייזן פארן שופט, אבער שמעון האט געוויסט אז דאס וועט אויפפלאקערן א פייער פון מחלוקת, און בפרט אז זיי זענען מחותנים, האט ער אפגעמאכט ביי זיך אז ער גייט זיך איינהאלטן, און ער גייט נישט זאגן קיין ווארט פאר ער רעדט זיך דורך מיט א גוטן איד.....

**מ'גייט צו הרב וואזנער זצ"ל!!!**

שמעון האט געדארפט זיין אין אר"י, האט ער אפגעמאכט אז ער גייט אריינגיין צו הרב וואזנער זצ"ל, זיך שואל עצה זיין. ווען ער איז אנגעקומען האט די רביצין קודם נישט געוואלט ארייינלאזן, אבער נאכן מסביר זיין אז ס'איז פיקוח נפש, ווייל ער האלט נישט אויס וויאזוי זיין שותף און מחותן האט אים אזוי פשוט בא'עוולה'ט, האט זי אים ארייינגעלאזט.

נאכן דערציילן די גאנצע מעשה, האט הרב וואזנער געזאגט, אז אין קאורט טאר מען נישט גיין, אבער אין בי"ד מעג ער גיין. ווען ער איז שוין ארויס, האט אים הרב וואזנער צוריקגערופן און געזאגט, איך האב דיר געזאגט אז דו מעגסט גיין אין בי"ד, אבער וויסן זאלסטו:

**אז אויף וותרנות באצאלט מען אויף די וועלט!!!**

נאכן הערן די קלארע פסק האט ער שוין געוויסט וואס ער דארף טון, און ער האט טאקע מער נישט גערעדט וועגן דעם.

**בקיצור למעשה**

**בחור היקר דו טוסט נישט קיין שום טובה פאר דיין מגי"ש... ר"י... משגיח... די טוסט נאר דיר אליין א טובה!!!!!!!!!**

אין די תקופה האט ער משקיע געווען אין א נייע ביזנעס, און ביז צוויי חדשים איז זיין געלט אזוי שטארק געשטיגן, אז ער האט פארדינט צען מאל מער פון וואס ער האט מוותר געווען, ס'איז געווען אן הצלחה שלא כדרך הטבע.

**צוואנציג יאר שפעטער!!!**

הרב וואזנער איז געווען אין קאנאדא, און דער איד וואס האט שוין נישט געזען הרב וואזנער פאר צוואנציג יאר, האט געהערט אז הרב וואזנער איז דא, איז ער אריין צו אים, און נאך פאר ער האט געקענט ארויסרעדן א ווארט, האט זיך הרב וואזנער אנגערופן: "נו, האב איך דיר נישט געזאגט אז פאר וותרנות באקומט מען באצאלט אויף די וועלט...

**משה, זייער א שיינע מעשה, אבער ווי קומט דאס אריין!!!**

חיים, זייער פשוט, מיר מיינען אז מיר געבן עפעס פארן באשעפער, אבער באמת באקומען מיר אסאך אסאך מער, איז וואס מיר געבן הייסט גענומען, ווייל מיר באקומען פאר דעם, אמאל זעט מען עס און אמאל נישט, אבער למעשה מיר באקומען אסאך אסאך אסאך מער.....

**און נישט נאר ביי וותרנות באקומט מען אויף די וועלט**

ווייל וואס איז דער ציל פון יעדע מענטש בגשמיות, קענסט פרעגן יעדן איינעם, און נישט קיין חילוק וואס א מענטש גייט זאגן, וועט די נקודה זיין, אז ער וויל קענען הנאה האבן פון די לעבן, און די איינציגסטע וועג וואס א מענטש איז באמת צופרידן, איז מיט תורה און מצוות, ווייל דאס איז די איינציגסטע זאך פון וואס די נשמה ווערט זאט.

**אין די זעלבע איז מיט יעדע זאך....... למשל די שאלה פין ווערים...**

זייער א סאך מענטשען ווען זיי הערן אז מ'רעדט וועגן ווערים... אז אין געוויסע זאכן קענען זיין ווערים וועלן זיי גראד זאגן אה די רבנים האבן שוין וואס צי טון.... אבער זיי פארגעסן אז ווער וועט למעשה האבן טימטום הלב???? די.... אין דיינע קינדער וואס עסן דאס אין נאך דעם וועסטו ספענדין טויזנטער דאללערס אויף צי באקומען א געשמאק אין דאווענען אין לערנען ווען באמת וואלטסטו דאס געקענט אפשפארן ווען די וואלסט געוויסט אז די ווערים האבן דאס גורם געווען.